| 4,768 | אַסעקוראַציע | | | 4,298 |
| 4,570 | באַצאָלטע צינזן | | | 1,511 |
| 308 | קאָמוניקאַציע און פּאָסט | | | 221 |
| 2,286 | מוניציפּאַלע און פעדעראַלע שטייערן | | | 1,894 |
| 2,183 | רעפּעראַציעס | | | 3,377 |
| 3,770 | סובסידיעס און אַפּליקאַציע אָפּצאָל | | | 4,094 |
| 457 | סעקרעטאַריאַט און אַדמיניסטראַציע אויסגאַבן | | | 340 |
| 1,012 | טעלעפאָן | | | 1,232 |
| 17,770 | שכירות | | | 15,927 |
| 57,435 | | | | 45,584 |
| $3,956 | עודף פאַר דער באַריכט-צייט | | | $26,376 |

## געשטאָרבענע:

מיט טיפן צער און טרויער פאַרצייכענען מיר דעם טויט פון
די פאָלגנדיקע „קדימה״־מיטגלידער אין דעם באַריכט־יאָר:

א. אָסאָוויצקי

ל. רובינשטיין

מ. מילער

ש. שער

נ. שטיינלאָוף

י. סלוצקי

כבוד זייער אָנדענק!

**AUDITORS' REPORT**

To Members of
The Jewish Cultural Centre and National Library "Kadimah",
9 Gordon Street, Elsternwick, 3185.

In our opinion, the accompanying Balance Sheet and Income and Expenditure Statement are properly drawn up in accordance with the provisions of the Companies Act 1961 and so as to give a true and fair view of the state of the Library's aflairs at 31st December, 1978, and of its results for the year then ended and the accounting and other records of the Library examined by us are properly kept in accordance with the provisions of that Act.

WILLIAM NORMAN MAGGS A.A.S.A.
Maggs, Reid & Company, Public Accountants

Melbourne, 12th March, 1979.

מירקין. פיאַנאָ-באַגלייטונג: בען סעגאַלאָף; די מוזיק-גרופּע „פלאַמען". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

(59 10.9.78 יידישער פילם „וואו איז מיין קינד?"

(60 17.9.78 יידישער פילם „וואו איז מיין קינד?"

(61 24.9.78 יידישער פילם „דער יידישער ניגון".

(62 8.10.78 דער פילם „דער ווילנער שטאָט-חזן".

(63 13.10.78 פייערלעכער קבלת-פנים פאַר דעם „אנחנו כאן" אַנסאַמבל. פאָרזיצער: י. שער; באַגריסונג: י. אָרבאַך.

(64 14.10.78 ערשטער קאָנצערט פון „אנחנו כאן", אַרום 100 זינגער, טענצער און מוזיקער, געוועזענע רוסישע בירגער, היינט אין ישראל. פאָרגעקומען אין מעלבורנער טאַון-האָל. קאָנפעראַנסיער: דאַניעל גריפענבערג־חר"ג.

(65 סאַפּער נאָכן קאָנצערט. גאַסט-רעדנער: מיניסטער פאַר עטנישע ענינים וואַלטער דזשאָנאַ און י. קאַהאַן.

(66 15.10.78 2-טער קאָנצערט פון „אנחנו כאן" אַנסאַמבל אין „פּאַלעי"-טעאַטער.

(67 17.10.78 3-טער קאָנצערט פון „אנחנו כאן" אַנסאַמבל אין מעלבורנער טאַון-האָל. אַלע קאָנצערטן, אין מעלבורן און סידנעי, זענען באַזוכט געוואָרן פון איבער 7000 מענטשן.

(68 18.10.78 קאָנצערט פון „אנחנו כאן" אַנסאַמבל אין סידנעי, אָרגאַניזירט דורך „קדימה", מעלבורן. אַנוועזנד: 1700 מענטשן.

(69 5.11.78 פּרעמיערע פון ישראל-פילם „מיין מיכאל", מיט קורצע ישראל-פילמען.

(70 12.11.78 ישראל-פילם „מיין מיכאל".

(21 12.11.78 אָוונט אָפּצוצייכענען די „קריסטאַל-נאַכט" אין דייטשלאַנד מיט פּערציק יאָר צוריק.

(72 19.11.78 יערלעכער קאָנצערט פון „הזמיר"-כאָר. מוזיקאַלישע לייטונג: אַדריאַן באַרטאַק; פיאַנאָ-באַגלייטונג: בעלאַ ווינער; גאַסט-אַרטיסט: אַלעקס בודלאַקאָוו, פידלער פון מעלבורנער סימפאָנישן אָרקעסטער; סאָליסטן פון „הזמיר"-כאָר. י. אָרבאַך באַגריסט אין נאָמען פון „קדימה".

(73 3.12.78 ישראל-פילם „מיין מיכאל".

(74 10.12.78 אָפּשלוס-אָוונט פון דער קולטור-טעטיקייט אין 1978 ביי געדעקטע טישן, איינשליסנדיק אַ רעפעראַט פון י. קאַהאַן וועגן יצחק באַשעוויס-זינגער. יאָשאַ שער, פאָרזיצער פון דער קולטור-קאָמיסיע, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער קולטור-טעטיקייט אין יאָר 1978. אין אַרטיסטישן טייל: סאָליסטן פון „הזמיר"-כאָר. פיאַנאָ-באַגלייטונג: בעלאַ ווינער. יוגנט-גרופּע „פלאַמען". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

(75 10.12.78 ישראל-פילם „מיין מיכאל".

(76 17.12.78 ישראל־פילם „מיין מיכאל".

42) 2.7.78 פערטער רעפעראַט פון פראָפ. לערמער: „י. י. טרונק און זיין פוילן של מעלה״.

43) 5.7.78 פינפטער רעפעראַט פון פראָפ. לערמער: „צי איז פאַראַן אַ לייזונג צו דעם וועלט-קריזיס?״ איינציקער רעפעראַט אין ענגליש.

44) 6.7.78 געזעגענונגס-רעפעראַט פון פראָפ. לערמער: „גייסטיקע רע-וואָלוציע און קאָנטער-רעוואָלוציע אין מאָדערנעם יידישן לעבן; פון בעל־שם-טוב ביז צום חורבן בית שלישי״. געדעקטע טישן.

45) 9.7.78 דריטער קאָנצערט „ס׳האָט אונדזער לאַנד געבורטס-טאָג״, מיט לאה שלאַנגער און שמואל עצמון. פיאַנאָ: נחמה פּאַטקין.

46) 16.7.78 פּרעמיערע פון שלום אַשס „מאָטקע גנב״. רעזשי: ש. עצמון. אין די הויפּט-ראָלן: ל. שלאַנגער און ש. עצמון, מיט דער באַטייליקונג פון די אַרטיסטן פון דוד הערמאַן טעאַטער: י. שער, ש. טיגעל, מ. שמערלינג, ר. לעוויטאַ, פּ. קאָכען, מ. פאַן, ט. ראָזענבלום.

47) 17.7.78 רעפעראַט פון גבריאל שטראַסמאַן, רעדאַקטאָר פון „מעריב״, אד״ט: „די ראָל פון נאַציאָנאַליזם אין דעם מיטל-מזרח קאָנפליקט. פאָרזיצער: ח. בראָון.

48) 23.7.78 צווייטע פאָרשטעלונג פון „מאָטקע גנב״ מיט די גערסט-אַרטיסטן ל. שלאַנגער און ש. עצמון, מיט דער באַטייליקונג פון דוד הערמאַן טעאַטער.

49) 29.7.78 דריטע פאָרשטעלונג פון „מאָטקע גנב״.

50) 30.7.78 פערטע פאָרשטעלונג פון „מאָטקע גנב״.

51) 5.8.78 פינפטע פאָרשטעלונג פון „מאָטקע גנב״.

52) 6.8.78 זעקסטע פאָרשטעלונג פון „מאָטקע גנב״.

53) 13.8.78 ישראל-פילם „טאַנטע קלאַראַ״.

54) 20.8.78 אָפענער פאָרום. אָנטיילנעמער: 1) ה. רילסקי, ישראל-פעדאַגאָג פון אשדוד, אד״ט „אינטעגראַציע פון דער ספרדי-שער יוגנט אין דער ישראל-געזעלשאַפט״; 2) ש. ראָזענקראַנץ: „יידן, יידישקייט און מדינת-ישראל״; 3) ב. ווינער, נאָכן צוריקקומען פון ישראל: באַריכט פון דער זיצונג פון וועלט-ראַט פאַר יידישער קולטור, פאָרגעקומען פון 31-טן יולי ביזן 4-טן אויגוסט 1978. פאָרזיצער: י. שער.

55) 20.8.78 קלאַסישער פילם פון ש. אַנסקי, געמאַכט אין פאָרמלחמהדיקן פוילן „דער דיבוק״.

56) 27.8.78 דער יידישער פילם „תקיעת-כף״.

57) 3.9.78 יידישער פילם „אלי-אלי״.

58) 3.9.78 פייערונג צום 100-טן געבוירן-טאָג פון מ. געבירטיג. רעפע-ראַט וועגן דיכטערס שאַפן, דער שרייבער מ. אייזענבוד. אין אַרטיסטישן טייל: די זינגער דעני קליינמאַן און באַרבאַראַ

(23 30.4.78 עפענונג פון דער חורבן-אויסשטעלונג.

(24 3.5.78 טרויער-אַקאַדעמיע צום 35-טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אין מעלבורנער טאַון-האָל. רעדנער: יידיש וולאַדקע מיד פון ניו-יאָרק; ענגליש — ראַביי אורי טעהמאַל, פון קאַנבעראַ. אָרגאַניזירט דורכן „באָרד אָף דעפיוטיס", „קדימה", פאַרטיזאַנער און קאַצעטלער פאַרבאַנד, ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע. אַרטיסטישער פּראָגראַם: „הזמיר"-כאָר, הר־הצופים שול, יידישע שולן פרץ און ש"ע, באַרבאַראַ מירקין.

(25 7.5.78 אָפּשלוס פון דער חורבן-אויסשטעלונג.

(26 7.5.78 פילמען וועגן דער שואה: „81-טער קלאַפּ" און „רעקוויעם פאַר פינף הונדערט טויזנט".

(27 14.5.78 רעפעראַט פון וולאַדקע מיד (ניו-יאָרק): „יידיש לעבן נאָכן נאַצי-חורבן". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

(28 14.5.78 4 און 8 אָוונט: ישראל-פילם „טאַנטע קלאַראַ".

(29 21.5.78 פייערלעכע עפענונג פון דער קונסט-אויסשטעלונג מיטן אָנטייל פון 37 קינסטלער מיט 160 עקספּאָנאַטן.

(30 21.5.78 4 און 8 אָוונט: ישראל-קאָמעדיע „טאַנטע קלאַראַ".

(31 27.5.78 קבלת-פנים פאַר די געסט-אַרטיסטן לאה שלאַנגער און שמואל עצמון. געדעקטע טישן. פאָרזיצער: י. שער, באַגריסונגען: י. אָרבאַך, ש. טיגעל.

(32 28.5.78 ערשטער אויפטריט פון די געסט-אַרטיסטן לאה שלאַנגער און שמואל עצמון אין דער צוויי-אַקטיקער קאָמעדיע „דאָס הימל-בעט".

(33 28.5.78 אָפּשלוס פון דער קונסט־אויסשטעלונג.

(34 4.6.78 צווייטע פאָרשטעלונג „דאָס הימל-בעט", שלאַנגער און עצמון.

(35 18.6.78 ערשטער רעפעראַט פון פּראָפ. אַרטור לערמער: „די ירידה פון דער מערב-ציוויליזאַציע און דאָס יידישע וועלט-פאָלק". פאָרזיצער: י. מ. לעווין.

(36 18.6.78 דריטע פאָרשטעלונג „דאָס הימל-בעט".

(37 21.6.78 צווייטער רעפעראַט פון פּראָפ. לערמער: „די רעגנבויגן טעאָריע פון יידישן קיום". פאָרזיצער: פ. רינגעלבלום.

(38 25.6.78 ערשטער קאָנצערט פון די ישראל-אַרטיסטן לאה שלאַנגער און שמואל עצמון: „ס'האָט אונדזער געבורטס-טאָג". אין פּראָגראַם: געזאַנג, רעציטאַציעס, הומאָר, סאַטירע. פּיאַנאָ: נחמה פּאַטקין.

(39 25.6.78 3-טער רעפעראַט פון פּראָפ. לערמער: „וועלטלעכקייט אין דער מאָדערנער יידישער מחשבה". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

(40 1.7.78 קאָנצערט אין העברעאיש מיטן אָנטייל פון ל. שלאַנגער און ש. עצמון. פּיאַנאָ: נחמה פּאַטקין.

(41 2.7.78 צווייטער קאָנצערט פון ל. שלאַנגער און ש. עצמון: „ס'האָט אונדזער לאַנד געבורטס-טאָג". פּיאַנאָ: נחמה פּאַטקין.

## „קדימה" אונטערנעמונגען אין 1978

| | | |
|---|---|---|
| 1) | 5.2.78 | דער ישראל-פילם „צוויי הערצער קלאַפּן". |
| 2) | 12.2.78 | 4 און 8 אָוונט: פילמען „דער ווילנער באַלעבעסל" און „סאַדאַסט וויזיט אין ירושלים". |
| 3) | 19.2.78 | פרעמיערע פון דעם ישראל־פילם „הערשעלע" מיט מייק בורשטין אין דער הויפּט-ראָל, אין „פּאַלעי"-טעאַטער. |
| 4) | 26.2.78 | 4 און 8 אָוונט: ישראל-פילם „הערשעלע", מיט קורצע ישראל-פילמען, אין „קדימה"-טעאַטער. |
| 5) | 5.3.78 | ידישער פאָלקס-פעסטיוואַל אין „טרעזשערי גאַרדענס", מיטן אָנטייל פון „הזמיר"-כאָר, טריאָ פאַמיליע בורשטין, רוסיש-יידישער אַנסאַמבל „וועלט-מעלאָדיעס", יוגנט-אַנסאַמבל „פלאַמען", ביתר, בני-עקיבא, הבונים, סקיפּ, גאַסט־אויפטריטן פון נחמה פּאַטקין און מאָריס גראַדמאַן. |
| 6) | 5.3.78 | 8 אָוו.: „סאַדאַט אין ירושלים" און „דער ווילנער באַלעבעסל". |
| 7) | 12.3.78 | 4 און 8 אָוונט: ישראל-פילם „הערשעלע". |
| 8) | 12.3.78 | רעפעראַט פון י. קאַהאַן: „איינדרוקן פון אַ רייזע אַרום דער וועלט". פאָרזיצער: י. אָרבאַך. |
| 9) | 19.3.78 | ערשטער קאָנצערט פון די ישראל-אַרטיסטן זשעני קעסלער און שורא גרינהויז-טורקאָוו: „זינגט און לאַכט מיט אונדז". פּראָגראַם פון געזאַנג, הומאָר און סאַטירע. פּיאַנאָ: נ. פּאַטקין. |
| 10) | 19.3.78 | 4 נ.מ.: „ישראל-פילם „הערשעלע". |
| 11) | 22.3.78 | 66-טע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „קדימה". |
| 12) | 25.3.78 | קבלת-פּנים פאַר די אַרטיסטן זשעני קעסלער און שורא גרינהויז-טורקאָוו. פאָרזיצער: י. שער. געדעקטע טישן. אַרויסטריט פון די אַרטיסטן, באַגריסונגען. |
| 13) | 26.3.78 | צווייטער קאָנצערט פון זשעני קעסלער און שורא גרינהויז-טורקאָוו. איבערחזרונג פון ערשטן פּראָגראַם. |
| 14) | 26.3.78 | 4 נ"מ: ישראל-פילם „הערשעלע". |
| 15) | 1.4.78 | דריטער קאָנצערט פון זשעני קעסלער און שורא גרינהויז אין אַ נייעם פּראָגראַם: „צו זינגען און צו זאָגן". פּיאַנאָ: נחמה פּאַטקין. |
| 16) | 2.4.78 | פערטער קאָנצערט „צו זינגען און צו זאָגן". פּיאַנאָ: נחמה פּאַטקין. |
| 17) | 2.4.78 | 4 נ"מ: ישראל-פילם „הערשעלע". |
| 18) | 9.4.78 | 4 און 8 אָוונט: ישראל-פילם „הערשעלע". |
| 19) | 16.4.78 | 8 אָוונט: ישראל־פילם „הערשעלע". |
| 20) | 16.4.78 | 4 נ"מ: ישראל-פילם „קוני לעמל אין תל־אביב", מיט מייק בורשטין. |
| 21) | 23.4.78 | 4 און 8 אָוונט: ישראל-פילם „הערשעלע". |
| 22) | 30.4.78 | פרעמיערע פון ישראל-פילם „טאַנטע קלאַראַ" מיט האַנאַ מיראָן אין דער הויפּט-ראָל. |

שפּילער קיין אויסלאַנד און דאָס האָט געשטערט, אַז מען זאָל קענען אָרגאַניזירן שאַך-פּאַרמעסטונגען צווישן די קלובן. מיר האָפן אַז אין 1979 וועט יאָ געלינגען צו אָרגאַניזירן שאַך-מעטשן. דאָך זענען פאָרגעקומען צוויי „סימולטאַן שפּילן" אין „קדימה"-זאַל מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן מייסטער סטען קריסטאַדולו.

אין אָנהויב פון יאָר 1978 איז פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע שאַך-פּאַרמעסטונג פון יידישע שאַך-שפּילער אין ישראל, אין וועלכער דער „קדימה"-קלוב איז געווען רעפּרעזענטירט מיט פיר מיטגלידער: טאָפּיאָל, קאַליש, בראָנשטיין, היין. די שפּילער מיט וועלכע מיר האָבן געשפּילט זענען געווען מייסטערס און אינטערנאַציאָנאַלע מייסטערס.

מיר האָבן פון דער פּאַרמעסטונג פיל געלערנט, זייער אַ סך געזען, צוקוקנדיק ווי די ישראלים שפּילן. טראָץ דעם וואָס מיר האָבן זייער גוט געשפּילט, גלויב איך אַז צו דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער אָלימפּיאַדע וועלן מיר פיל בעסער שפּילן און אויסבעסערן די פעלערן וועלכע מיר האָבן געמאַכט.

אין דעם יאָר זענען צוגעקומען דריי נייע שאַך-שפּילער. איינער פון זיי, אַן ערשקלאַסיקער שפּילער, האָט דעם יאָר געוואונען דעם ערשטן פּריז אין סט. קילדא שאַך-קלוב.

מיר נעמען אָן נייע מיטגלידער — אַוואַנסירטע און אָנפאַנגער.

## דאַנק-אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג דעם פריינד ש. וואָלסקי, לל.ב., ערן אַדוואָקאַט פון דער „קדימה", פאַר זיין פריינטלעכער און איבערגעגעבענער אַרבעט ביים דערליידיקן די יורידישע ענינים פון דער אינסטיטוציע;

די „יידישע נייעס" און „דזשואיש ניוס" פאַר אָפּגעבן פּלאַץ פאַר די נאָטיצן און באַריכטן פון „קדימה";

דער פרויען-גרופּע ביי דער „קדימה" פאַר אָפּגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדענען און פאַרשענערן אונדזערע אונטערנעמונגען; ווי אויך די אַלע וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן, אַז אונדזער אַרבעט זאָל זיין פּרוכטבאַרער און אימפּאָזאַנטער.

אין יאָר 1978 האָט די ביבליאָטעק-קאָמיסיע אָרגאַניזירט צוויי ביכער־אויספאַרקויפן. עס זענען אויספאַרקויפט געוואָרן אַלטע און נייע ביכער וועלכע זענען געשיקט געוואָרן דורך דעם וועלט-ראַט פאַר יידיש און יידישע קולטור. ביידע אויספאַרקויפן האָבן אַריינגעבראַכט איבער 400 דאָלאַר. אויסער דעם זענען פאַרקויפט געוואָרן נייע ביכער ביי פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

## דער „הזמיר"־כאָר

דאָס יאָר 1978 קען באַצייכנט ווערן ווי אַ פראָדוקטיוו און דערפאָלגרייך יאָר. במשך דעם באַריכט-יאָר איז דער כאָר אויפגעטרעטן אויפן יידישן מומבאַ-פעסטיוואַל (4-2-1978); אויף דער וואַרשעווער געטאָ-אַקאַדעמיע אין סט. קילדא טאַון-האָל (3-4-78); קולטור-מוזיקאַלישער פאַמיליע-אָוונט אין קאָמונאַל-האָל (1-4-78); אַ טאַנץ-אָוונט אין לעאָ פינק זאַל (15-7-78); אַ קאָנצערט אין די מאָנטעפיאָרע-היימען (29-10-78); דער יערלעכער קאָנצערט פון כאָר אין „קדימה"-טעאַטער (19-11-78); דער כאָר איז אויפגעטרעטן אויפן פעסטיוואַל פון אַלע פעלקער אין דאַלאַס ברוק האָל (10-12-78); אַ טאַנץ-אָוונט אין לעאָ פינק זאַל (19-11-78); אַ חנוכה-קאָנצערט אין די מאָנטעפיאָרע היימען אָרגאַניזירט פון בני-ברית (20-12-78).

די סאָליסטן פון כאָר האָבן אָנטייל גענומען אין פראָגראַמען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין מעלבורן. דער ברוך קאַלושינער אָנדענק-קאָמיטעט, וועלכער ווערט טיילוויז סובסידירט פון „הזמיר"-כאָר, האָט דורכגעפירט זייער אַ געלונגענעם קאָנקורס פון ליד און מוזיק אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען פיל קינדער און יוגנטלעכע.

דער כאָר־קאָמיטעט באַשטייט פון פאָלגנדיקע פריינד: ח. גאָלדבערג (פאָרזיצער), ש. פעל (וויצע-פאָרזיצער), וו. קרעפּ (קאַסיר) ס. פעל (סעקרעטאַר), מ. ראַבינאָוויטש, ס. ראַבינאָוויטש, א. מאָשעל, ח. קעלמאַן, אַנקע באַכראַך, ר. גאָלדבערג, ר. פאָדעמסקי, ס. פאָרטעק, א. סוכעצקי. די מוזיקאַלישע לייטונג פון כאָר געפינט זיך אין די הענט פון דיריגענט אדריאַן באַרטאַק, פיאַנאָ-באַגלייטונג: בעלאַ ווינער.

## דער שאַך-קלוב

דער שאַך-קלוב איז טעטיק צוויי מאָל אין וואָך — שבת און זונטיק פון 2 נ.מ. ביז 7 אָוונט און אין אַלע אַלגעמיינע יום-טובים. דעם שאַך-קלוב באַזוכן רעגולער ביז 30 מיטגלידער. אין 1978 זענען נישט פאָרגעקומען קיין פיל פאַרמעסטונגען מיט אַנדערע קלובן, נאָר דאָס איז נישט די שולד פון דעם „קדימה"-קלוב.

דעם יאָר זענען פאָרגעקומען פיל פאַרמעסטונגען אין מעלבורן און אין אויסלאַנד, ווי: שפּאַניע, האָלאַנד, פראַנקרייך, סינגאַפור, קאַנאַדע. אין אַרגענטינע איז פאָרגעקומען אַ שאַך-אָלימפּיאַדע. אַזאַ אָלימפּיאַדע קומט פאָר יעדע צוויי יאָר אין אַן אַנדער לאַנד, אויסטראַליע האָט געשיקט פיל

## די „קדימה"-ביבליאָטעק

די „קדימה"-ביבליאָטעק איז די איינציקע יידישע ביבליאָטעק אויפן אויסטראַלישן קאָנטינענט. די צאָל ביכער האָלט זיך אין איין פּאַראַגראַף ערן — ערשטנס, דורך איינקויפן ביכער אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַגן אין אויסלאַנד; צווייטנס, באַקומט די ביבליאָטעק ביכער פון פאַמיליעס וועמענס אייגנטימער זענען אַוועק אין דער אייביקייט.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט 5000 יידישע ביכער וואָס זענען איינגעבונדן און קאַטאַלאָגירט. אַ געוויסע צאָל ביכער איז נויטיק איבערצובינדן. אויסער דעם פאַרמאָגט די ביבליאָטעק 3000 ביכער נישט קאַטאַלאָגירטע. צווישן די ביכער געפינען זיך אַ צאָל פון גרויסן ביבליאָפילישן ווערט. נאָך אַ גרויסן רעמאָנט פון דער ביבליאָטעק-געביידע איז פּלאַנירט געוואָרן איינצואָרדענען דעם לייענזאַל אויפן ערשטן שטאָק, ווייל דער אונטערשטער לייענזאַל איז קליין און נישט באַקוועם. ס'איז אויך פּלאַנירט געוואָרן, אַז די ענגלישע און העברעאישע ביכער, צוזאַמען 1500 אין צאָל, זאָלן איבערגעטראָגן ווערן אויפן ערשטן שטאָק און דאָס פרייע אָרט זאָל אָפּגעגעבן פאַר די יידישע ביכער. אויסער דעם פאָדערט זיך צו מאַכן קאַטאַלאָגן פאַר די ענגלישע און העברעאישע ביכער. ס'איז אויך ווערט צו דערמאָנען, אַז די גרעסטע צאָל ענגלישע ביכער איז יודאַאיסטיק.

אין דער ביבליאָטעק-געביידע געפינט זיך אַ גרויסע צאָל יידישע זשורנאַלן. זיי זענען נישט צונויפגענומען לויט די יאָרן און נישט איינגעבונדן. די יידישע טעגלעכע און וועכנטלעכע פּרעסע, וועלכע די „קדימה" אַבאָנירט, ווערט ווייניק געלייענט, די יידישע באַפעלקערונג אין מעלבורן ווייס ווייניק דערפון, אַז אין דער „קדימה"-ביבליאָטעק קאָן מען לייענען די יידישע פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט.

אין באַריכט-יאָר לאָזט זיך מערקן, אַז די צאָל לייענער האָלט אין פאַלן. היינט צו טאָג טוישן ביכער איבער הונדערט מיטגלידער. די צאָל געלייענטע ביכער באַטרעפט 2500. עס זעט זיך נישט פאַר, אַז אָט דער צושטאַנד זאָל זיך פאַרבעסערן. ענדערונגען קאָנען קומען דעמאָלט ווען עס וועט אָרגאַניזירט ווערן אַ ברייטע קאַמפּאַניע דורך אַנאָנסירן אין דער יידיש-ענגלישער פּרעסע, אַז די „קדימה"-ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל ענגלישע ביכער אויף יידישע טעמעס (עס דאַרפן געקויפט ווערן מער). די מעלדונג דאַרף איבערגעגעבן ווערן דורכן עטנישן ראַדיאָ יעדע וואָך, אַז אין דער „קדימה"-ביבליאָטעק קאָן מען לייענען די יידישע פּרעסע אין ענגליש, יידישע און אַנדערע שפּראַכן.

די ביבליאָטעק-קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע פינף פערזאָנען: לובאַ גאָטליב, י. מ. לעווין, מ. טאָפּיאָל, צ. באַרנשטיין און וו. יאַבלאָנסקי.

אין די לעצטע וואָכן איז די ביבליאָטעק געווען אָפן נאָרמאַל, כאָטש דער ביבליאָטעקאַר יעקב קעסלער איז געווען קראַנק.

די ביבליאָטעק נויטיקט זיך אין אַ פאַכמאַן וועלכער זאָל אָנפירן מיט אַלע דריי אָפּטיילונגען — יידיש, ענגליש, העברעאיש — ביז איצט האָט דער ביבליאָטעקאַר זיך פאַרנומען בלויז מיט דער יידישער אָפּטיילונג.

קאַנאַדע; די געטאָ-קעמפּערין וולאַדקע מיד; פּראָפ. ריכלין פון ירושלימער אוניווערסיטעט; ד״ר פערשטענדיק — וועגן משה העס; פריינד שמואל ראָזענקראַנץ, פּאָרזיצער פון ציוניסטישן ראַט — וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין ישראל; און פריינד יצחק קאַהאַן — מיט פילמאָליקע קורצע רעפּעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס און איינדרוקן פון זיין וועלט-רייזע.

די פריינד ד״ר פערשטענדיק, נאָרמאַן ראָטפילד און שמואל ראָזענקראַנץ האָבן גענומען אָנטייל אין אַ סימפּאָזיום וועלכער האָט אָפּגעשפּיגלט דריי קעגנזעצלעכע צוגאַנגען צום ענין מדינת ישראל. פריינד וו. יאַבלאָנסקי איז געווען פאַרטרעטן מיט „זכרונות פון טרעבלינקע״ און י. מ. לעווין — מיט צוויי פּראָגראַמען וועגן די פאַרשניטענע יידיש-סאָוויעטישע שרייבער און אויך וועגן דער נאַציאָנאַלער באַדייטונג פון חנוכה און דער עטיש-מאָראַלישער באַדייטונג פון די ימים נוראים.

די אַרטיסטין רחל בעקער מיט אַ הומאָרעסקע פון אייגענער פאַרפאַסונג און אויך ברכה אַראָנפעלד מיט אירס אַ באַאַרבעטונג פון בערנאַרד שאָוס „פּיגמאַליאָן״.

אין די זונטיקן, אָנגעפירט פון פריינד יאַשאַ שער, האָט מערערע מאָל גענומען אָנטייל הרב חיים גוטניק אויף טעמעס וועגן דעם באַדייטונג פון דער יידישער רעליגיע אין יידישן לעבן, וועגן משפחה-לעבן, מיט די קאָמפּליקאַציעס פון די לעצטע דערשיינונגען פון חתונה און גט און אויך וועגן אַלגעמיינע מנהגים.

פּראָפ. לערמער אויף איינער פון זיינע פילצאָליקע טעמעס וועגן דער פילפאַרביקייט פון יידישן קולטור און גייסטיקן לעבן ביי יידן, דער א. ג. סינטעז אונטערן נאָמען „דער רעגנבויגן״. די פריינד ב. ווינער און שמואל ראָזענקראַנץ אויף דער טעמע: 80 יאָר „בונד״, 80 יאָר ציוניזם. פרוי אַ. זאַבלוד וועגן דער טעטיקייט פון וויצ״אָ און וועגן עליה. פרוי מינאַ פינק וועגן נאַציאָנאַלן פרויען־ראַט. די פריינד סאָקאָלאָוויטש און לעוויטאַן וועגן יידיש-געזעלשאַפטלעכע און אַ סך אַנדערע פּראָבלעמען.

עס איז געווען אַן אינטערוויו מיט די גאַסט-אַרטיסטן: זשעני קעסלער און שוראַ גרינהויז, אויך אַן אַרויסטריט פון די ישראל-אַרטיסטן שמואל עצמון און לאה שלאַנגער. עס זענען אויך געווען אַריינגעפלאָכטן הומאָרעסקעס פון שמעון דזשיגאַן און ליטורגיע געזונגען פון מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש און אַ סך אַנדערע קינסטלער, רעציטאַטאָרן און זינגערס. די וואונטש-קאָנצערטן מיט צוגעפּאַסטע פּליטן האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספער פון היימישקייט און זענען דעריבער געוואָרן אַ יש אין די ראַדיאָ-פּראָגראַמען אין די זונטיקן.

עס זענען פֿאַראויסגעזען אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען, ווי אַ גרויסע אויפֿפירונג, אַן אויסשטעלונג, אַ יובל-אַקאַדעמיע און אַנדערע.

מיר שטייען אין פֿאַרבינדונג מיט אייניקע רעזשיסערן אין אויסלאַנד און די פֿאַרהאַנדלונגען דאַרפֿן גאַר בקרוב פֿאַרענדיקט ווערן.

דער טעאַטער-קאָמיטעט באַשטייט פֿון די פֿאָלגנדיקע פּערזאָנען:

האַבערמאַן, זיידענבערג, טיגעל, מירקין, צוקער, צעפּראָוו, שמערלינג און שער.

## די ראַדיאָ-קאָמיסיע

די טעטיקייט פֿון ביידע יידישע האַלב-שעהדיקע אוידיציעס אויף ראַדיאָ 3-אי-עי איז אין לעצטן יאָר געווען אַ פֿאַרצווייגטע און אַ פֿאַרטיפֿטע. די פּראָגראַמען זענען געוואָרן צוגעקליבן וועגן אַלץ וואָס קען פֿאַראינטערעסירן אונדזערע יידישע צוהערער. די טעמעס האָבן געשאַפֿן אַ פֿאַרביקן קאַליידאָסקאָפּ פֿון היסטאָרישע געשעענישן פֿון דער גאָר אַלטער צייט, ווי אויך פֿון דעם נעכטן, ווי — דער היטלער-חורבן, יום-העצמאות און גאָר לעצטנס 30 יאָר מדינת-ישראל; אויך וועגן אַנדערע אַקטועלע געשעענישן וועלכע זענען פֿאָרגעקומען אין יידישן לעבן דאָ הי, אין אויסלאַנד, ישראל אַריינגערעכנט.

אין די אוידיציעס האָבן גענומען אָנטייל אַ היפּשע צאָל פּערזענלעכקייטן פֿון היגן ישוב און פֿון אויסלאַנד. די טעמעס האָבן געטראָגן אַ פֿאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער: נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, אַלגעמיין פּאָליטישע, ספּעציעל וועגן מדינת ישראל. עס האָבן זיך פֿון צייט צו צייט דורכגעוואָרפֿן טעמעס וועגן שטייגער, רעליגיע און טראַדיציע. צווישן די גרויסע צאָל אָנטיילנעמער האָבן זיך געפֿונען נעמען פֿון גוט באַקאַנטע פּראָפֿעסאָרן, לעקטאָרן, רבנים, שרייבערס, און אויך געזעלשאַפֿטלעכע טוערס פֿון אַלע ריכטונגען. עס זענען אויך אַרויסגעטרעטן גאַסט-אַרטיסטן און זינגער, צווישן זיי די באַרימטע ישראל-טרופּע „אנחנו כאן". אויך זענען אַרויסגעטרעטן פֿרויען וועלכע פֿאַרנעמען אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין היגן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

עס זענען אויך פֿאָרגעקומען ראַדיאָ-סימפּאָזיומס אויף וועלכע עס זענען דיסקוטירט געוואָרן נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפֿטלעך-פּאָליטישע פּראָבלעמען. בדרך כלל זענען די פּראָבלעמען געווען אַדורכגעפֿלאָכטן מיט יידישע ניגונים: חזנות, פֿאָלקס-לידער, טייל מאָל אַפֿילו מיט אַ געדיכט פֿון באַקאַנטע פּאָעטן. פֿון צייט צו צייט אויך מיט הומאָרפֿולע מאָנאָלאָגן און אויך מיט די פּאָפּולער געוואָרענע „וואונטש-קאָנצערטן".

אַלץ צוזאַמען האָט געגעבן אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער קולטור-טעטיקייט אין היגן ישוב — פֿון דער „קדימה" און נאָך אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס האָט געשאַפֿן אַ געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט ביים ישוב, ביי די היגע תושבים.

אין די פֿרייטיקן, אָנגעפֿירט דורך פֿריינד פּ. רינגעלבלום, זענען צווישן אַנדערע אַרויסגעטרעטן פּראָפֿ. אַרטור לערמער — וועגן יידיש לעבן אין

סאָקאָלסקי, ב. האָניגמאַן, ס. בורשטין, ה. באַכראַך, ס. ראַבינאָוויטש, חיים מאַלטינסקי, רוטעלעס, מאַרק אָליפאַנט (איבערזעצונג: מ. אַלעקסאַנדער), י. סאָלוועי, הערשל לוסטיג, ק. געטלער.

די ענגלישע אָפּטיילונג רעדאַגירט ד"ר ס. ליבערמאַן.

די „קדימה" קריגט כסדר בריוו און ווענדונגען פון ביבליאָטעקן און אינסטיטוציעס מען זאָל זיי שיקן דעם זשורנאַל, ווייל זיין אינהאַלט האָט אַרויסגערופן גרויסן אינטערעס. מיט דעם זשורנאַל האָט די „קדימה" אַרויפגעשטעלט אויסטראַליע אויף דער יידיש-ליטעראַרישער מאַפּע.

מיר קריגן צוגעשיקט מאַנוסקריפּטן פון אויסלאַנד, וועלכע מיר מוזן ליידער אָפּזאָגן צו פאַרעפנטלעכן צוליבן מאַנגל אין פאָנדן, וואָס אַ פאַרגרעסערטער זשורנאַל וואָלט געפאָדערט.

כאָטש דער מאַראַלישער אָפּרוף וועגן זשורנאַל איז אַ גוטער, האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ קליינע פאַראינטערעסירונג צו שטיצן דעם זשורנאַל — בלויז 14 זייטן אַנאָנסן אויף פיר נומערן.

דער זשורנאַל דערשיינט רעגולער יעדע צוויי חדשים.

## דער דוד הערמאַן טעאַטער ביי דער „קדימה"

דאָס יאָר 1978 איז געווען זייער אַ שווער און איבערגעלאָדן יאָר. די „קדימה" האָט במשך פונעם יאָר אַראָפּגעבראַנגט אַ גאַנצע ריי אַרטיסטן, זינגערס, לעקטאָרן, און פאַרענדיקט מיט דעם גרויסן פאָלקס-אַנסאַמבל „אנחנו כאן". אַזוי ווי מיטגלידער פון טעאַטער זענען געווען פאַרנומען אין אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען ביי פאַרשידענע טעכנישע אַרבעטן און דער טעאַטער-זאַל איז געווען אָפּט פאַרנומען, האָט דאָס אַלץ זיך אָפּגערופן אויף דער טעאַטער-טעטיקייט.

בלויז מיט צוויי גאַסט-אַרטיסטן איז דער טעאַטער געווען דירעקט פאַרבונדן: מיט לאה שלאַנגער און שמואל עצמון. לאה — אַ פיינע פאָלקס-זינגערין און פעאיקע אַקטריסע, און שמואל עצמון — אַ „הבימה"-אַקטיאָר און אַ פעאיקער יונגער רעזשיסער.

אָנגעהויבן זייערע גאַסט-שפּילן האָבן זיי מיט אַ צוויי-פּערזאָניקער פּיעסע דע-הארטאגס „דאָס הימל-בעט" און מיטן גאַנצן אַנסאַמבל האָט עצמון איינרעזשיסירט שלום אַשס קלאַסיש ווערק „מאָטקע גנב" אין וועלכער ער האָט געשפּילט מאָטקען און לאה שלאַנגער — מערין. עס איז געווען אַן אויפפירונג מיט ספּעציעלע דעקאָראַציעס (פּראָיעקטירט דורך א. גורוויטש), אַדורכגעפלאָכטן מיט געזאַנג און אויך טענץ. די פאָרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן 5 מאָל, מיט אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסן דערפאָלג.

אין משך פונעם יאָר זענען אַדורכגעפירט געוואָרן אַ ריי פאַמיליע-אָוונטן, קבלת-פּנימס און געזעגענונגען פאַר די געסט-אַרטיסטן און עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ ריי קאָמיטעט-זיצונגען.

צום נייעם סעזאָן טרעט צו דער טעאַטער-קאָלעקטיוו מיט גאָר גרויסע פּלענער, ווייל ס'איז אַ יובל-יאָר — 70 יאָר יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר האָט אַריינגעשריבן אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן וואָרט, יידישע קולטור און יידישע ליטעראַטור: די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט צוגעטיילט די העכסטע (נאָבעל) פּרעמיע פאַר ליטעראַטור פאַרן יאָר 1978 דעם יידישן שרייבער און בעלעטריסט יצחק באַשעוויס-זינגער. די ראַדיאָ- און טעלעוויזיע־סטאַציעס איבער דער גאָרער וועלט זענען איינשטימיק אַרויס מיט לויב-געזאַנגען פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אויך ביי אונדז אין לאַנד האָט די דאָזיקע געשעעניש — די אָנער־קענטע חשיבות פאַר יידיש — אַרויסגערופן גרויס אינטערעס צווישן דעם אויסטראַלישן לייענער עולם און גאָר באַזונדער ביי דעם יידישן ישוב אין מעלבורן.

מיר זענען אויך עדות אין די לעצטע יאָרן פון אַ שטאַרקערער פאַר־אינטערעסירונג פון יינגע מענטשן פאַר יידיש לשון און יידישע ליטעראַרי־שע שאַפונגען. די ערשטע זיצונג פון וועלט-ראַט פאַר יידיש אין ירושלים האָט שוין באַקומען גרוסן פון אַ פאַרשטאַרקטער יידיש-טעטיקייט, סיי אין די תפוצות, סיי אין מדינת-ישראל. אַלס איינער פון די פינף וויצע-פּרע־זידענטן פון וועלט-ראַט איז אויסגעוויילט געוואָרן דער „קדימה"־פּרעזי־דענט ב. ווינער.

דער יידישער ראַדיאָ אין מעלבורן האָט פאַרטאָפּלט זיין צייט און די פּראָגראַמען, אָנגעפירט פּרייטיק פון פריינד פּ. רינגעלבלום, און זונטיק פון פריינד יאַשאַ שער שטייען אויף אַ הויכן ניוואָ און האָבן אַ גרויסן עולם צוהערער.

## דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער"

דער זשורנאַל עקזיסטירט פון דעצעמבער 1975. ביז היינט זענען דער־שינען 16 נומערן. דער זשורנאַל דערשיינט אין יידיש און ענגליש, כדי אַלע וואָס האָבן אַן אינטערעס אין יידישן לעבן זאָלן אין אים קאָנען מיט־אַרבעטן און אויך לייענען. דער ענגלישער נאָמען פון זשורנאַל איז „מעלבורן קראָניקל".

די רעדאַקציע באַשטייט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער פון „קדימה"־קאָמיטעט: מ. אייזענבוד, י. אָרבאַך, ס. בורשטין, י. מ. לעווין, פּ. רינגעל־בלום. אַדמיניסטראַציע — וו. יאַבלאָנסקי.

דער היינטיקער באַריכט נעמט אַרום 4 נומערן (מאַי-דעצעמבער 1978). דער זשורנאַל באַהאַנדלט יידישע פּראָבלעמען אין און אַרום ישראל, און אין אויסטראַליע.

די אַלגעמיינע צאָל זייטן פון די 4 נומערן האָט באַטראָפן: יידיש — 114; ענגליש — 66; אַנאָנסן — 14.

אין די לעצטע פיר נומערן האָבן זיך באַטייליקט די פאָלגנדיקע מיט־אַרבעטער: מ. אייזענבוד, ד"ר מ. פערשטענדיק, י. אָרבאַך, י. מ. לעווין, ג. שאַיאַק, אסיה באַרי, י. קאַהאַן, לאה זילבער, ד"ר ע. נאַקס, שרה געצאָף, רחל בעקער, חיים גראַדע, וו. יאַבלאָנסקי, ש. בענעט, לוי שאַליט, אידאַ

די אַרטיסטן זשעניע קעסלער און שורא גרינהויז האָבן אַדורכגעפירט אַ ריי וואָרט־קאָנצערטן אין דער „קדימה“.

סוף מאַי האָבן די ישראל־אַרטיסטן שמואל עצמון און לאה שלאַנגער באַזוכט מעלבורן מיט דער קאָמעדיע „דאָס הימל־בעט“ און האָבן געגעבן דריי פאָרשטעלונגען. זיי האָבן אויך געהאַט דריי וואָרט־קאָנצערטן א״נ „עס האָט מיין לאַנד געבורטסטאָג“ און צוויי קאָנצערטן אין עברית. צוזאַמען מיט דעם דוד הערמאַן קרייז האָבן זיי, אונטער דער רעזשי פון שמואל עצמון געהאַט 6 פאָרשטעלונגען פון דער פּיעסע „מאָטקע גנב“.

אין לויף פון יאָר זענען אין די זאַלן פון דער „קדימה“ פאָרגעקומען 76 אונטערנעמונגען; צווישן זיי דאַרף דערמאָנט ווערן דער אָוונט געווידמעט דעם פאָלקס־פּאָעט מרדכי געבירטיג און דער אָוונט אָפּצוצייכענען 40 יאָר נאָך דער „קרישטאַל נאַכט“.

מיר האָבן זיך אויך מיטבאַטייליקט אין דער אויסשטעלונג געווידמעט דעם חורבן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער „קדימה“.

צום צווייטן מאָל האָבן מיר אַדורכגעפירט אין דער „קדימה“ אַ קונסט אויסשטעלונג וועלכע איז אַדורך מיט אַ סך דערפאָלג. 37 קינסטלער מיט 160 עקספּאָנאַטן זענען געווען פאַרטרעטן. עס איז געווען אַ גרויסע צאָל באַזוכער און מיר האָבן בדעה אַדורכצופירן אַזעלכע אויסשטעלונגען ווי יערלעכע אונטערנעמונגען.

אַזוי ווי אין די לעצטע יאָרן, האָבן מיר אויך הייאָר געגעבן אַ מעג־לעכקייט דעם היגן יידישן עולם צו זען יידישע פילמען אין אונדזער קינאָ־זאַל. מיר האָבן אויך אַראָפּגעבראַכט אַ צאָל נייע פילמען.

די „מעלבורנער בלעטער“ (אין יידיש און ענגליש) האָבן געקראָגן אַ גרויסן אָנזען אַ דאַנק דעם זשורנאַלס פיינעם ניוואָ. ער האָט אַרויסגערופן אינטערעס צווישן ענגליש־רעדנדיקע יינגע מענטשן.

דער „הזמיר“־כאָר און דער שאַך־קלוב זענען אין לויף פון יאָר אָנגע־גאַנגען מיט זייערע טעטיקייטן. די ביבליאָטעק האָט פונקציאָנירט נאָרמאַל.

דער המשך פון דער „קדימה“ אַלס יידישע אינסטיטוציע איז אָפּהענ־גיק פון אונדזער פעאיקייט צוצוציען יינגע יידיש־רעדנדיקע מענטשן צו דער אַקטיווער אַרבעט. אין מעלבורן איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל פון יידיש־רעדנדיקע יינגע מענטשן. איין אופן פון ברענגען זיי אין דער „קדימה“ איז צו שטאַרקן די מוזיקאַלישע יוגנט־גרופּע „פלאַמען“ און אַקטיוויזירן דעם יוגנט־טעאַטער, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

מיר גלויבן, אַז דורך פאַרברייטערן די טעטיקייט צווישן דעם יינגן דור וועט אונדז געלינגען צוצוציען אַ גרעסערע גרופּע יינגע מענטשן צו דער אַרבעט און אָנפירונג פון דער „קדימה“.

במשך דעם באַריכט־יאָר זענען פאָרגעקומען אַ ריי וויכטיקע געשעע־נישן אין דער יידישער וועלט.

צום ערשטן מאָל זייט דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל האָט די וועלט געגלויבט, אַז אַ שלום צווישן ישראל און עגיפּטן איז אַ פראַגע פון דער גאָר נאָענטער צוקונפט. לאָמיר האָפן, אַז הייאָר וועט דער שלום ווערן רעאַליזירט.

# באַריכט פאַרן 66־טן טעטיקייט־יאָר

דער באַריכט פאַרן יאָר 1978, פון דער אַרבעט פון „קדימה"־קאָמיטעט, נעמט אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון פּראָדוקטיווער און דערפאָלגרייכער אַרבעט אויף אַלע געביטן פון אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן דעם יאָר אויסגע־ברייטערט אונדזער אַרבעט אין אַ ריי נייע ריכטונגען.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר אין יאָר 1978 אַדורכגעפירט אין מעלבורן אַ גרויסן קולטור־פעסטיוואַל אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם „מומבאַ" פעסטיוואַל. אַ מאַסן עולם איז געקומען הערן דאָס יידישע ליד, זעען יידישע טענץ, אויסגעפירט פון פאַרשידענע יוגנט־גרופּעס און סאָליסטן, און געשעפּט נחת. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון רעגולערע פאָלקס־פעסטיוואַלן, וואָס מיר האָבן בדעה איינצופירן פאַר דעם יידישן עולם אין מעלבורן.

במשך דעם יאָר זענען מיר אָנגעגאַנגען מיט אונדזער נאָרמאַלער קול־טור־אַרבעט. מיר האָבן, ווי געוויינלעך, אַראָפּגעבראַכט געסט פון אויס־לאַנד, וועלכע האָבן מיט זייער טאַלאַנט און פעאיקייטן אויף פאַרשידענע געביטן באַרייכערט דאָס קולטור־לעבן פון יידישן מעלבורן. אַזוי האָבן מיר גענומען אויף זיך די ריזיקע אויפגאַבע פון אַראָפּברענגען פון ישראל דעם יידישן פאָלקס־אַנסאַמבל „אנחנו כאן", אַ גרופּע פון 100 אַרטיסטן, מוזיקער און זינגער וועלכע שפּילן אין יידיש אין ישראל און האָבן שוין באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקע און אַנדערע יידישע ישובים, און זענען געקומען פאַרשאַפן פרייד אונדזער היגן עולם. זיי האָבן אַ סך בייגעטראָגן צו פּאָפּולאַריזירן דאָס יידישע לשון צווישן די ברייטע מאַסן יידן און האָבן צוגעגעבן חשיבות דער „קדימה". דער דערפאָלג פון „אנחנו כאן" איז געווען אַ דערגרייכונג אויף יעדן געביט און מיר מעגן זיך גרויסן דערמיט.

צוזאַמען מיט דער שלום עליכם טאָגשול האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט (צום צווייטן מאָל) דעם פּראָפעסאָר אַרטור לערמער פון מאָנטרעאָל, כדי צו געבן אַ ציקל רעפעראַטן אין דער „קדימה" וועגן יידישע פּראָבלעמען, יידישע ליטעראַטור און עקאָנאָמיע. במשך פון דריי־וואָכיקן באַזוך האָט פּראָפעסאָר לערמער אַריינגעבראַכט אַן אָפּרישונג אין היגן יידישן קולטור־לעבן. פּראָפעסאָר לערמער האָט אויך אַקטיוו געהאָלפן דעם אַפּיל פון דער שלום עליכם טאָגשול; ער איז אַרויסגעטרעטן אויף די אַפּיל־אָוונטן און אויך גערעדט פאַר אַ ריי אַנדערע אינסטיטוציעס און יוגנט־גרופּן.

די געטאָ־קעמפערין וולאַדקע מיד (פון ניו־יאָרק) איז געווען די גאַסט־רעדנערין אויף דער אַקאַדעמיע געווידמעט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפ־שטאַנד. זי האָט אויך געהאַט אַ רעפעראַט אין דער „קדימה" און גערעדט פאַר אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס: למשל פאַר די קינ־דער פון דער הר־הצופים שול, פאַר די קאַצעטלער און אַנדערע. וולאַדקע מיד איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון דער „קדימה", צוזאַמען מיט דעם „באָרד אָף דעפּיוטיס" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

# די קאָמיסיעס

קולטור-קאָמיסיע:

י. שער — פּאָרזיצער
י. מ. לעווין
י. קאַהאַן
ר. לעוויטאַ
פּ. רינגעלבלום
ס. בורשטין
ה. בראַון
ק. געטלער
אַ. באַכראַך
ד. בורשטין
ה. נוסבוים
מ. אייזענבוד
ש. גאָלדשטיין

ביבליאָטעק-קאָמיסיע:

וו. יאַבלאָנסקי — פּאָרזיצער
י. מ. לעווין
י. אָרבאַך
ל. גאָטליב
מ. טאָפּיאָל
מ. ראַבינאָוויטש

קאָנטראָל-קאָמיסיע:

ה. בראַון — פּאָרזיצער
י. שער
י. אָרבאַך
ה. ראָזענבוים
ר. בוטלינסקי

פינאַנס-קאָמיסיע:

פּ. קרישטאַל — פּאָרזיצער
ה. ראָזענבוים
ר. בוטלינסקי
מ. ראַבינאָוויטש
צ. באָרנשטיין

רעדאַקציע-קאָלעגיע:

מ. אייזענבוד — פּאָרזיצער
י. אָרבאַך
י. מ. לעווין
ס. בורשטין
פּ. רינגעלבלום
ד״ר ס. ליבערמאַן, רעדאַקטאָר
ענגלישע טייל

ראַדיאָ-קאָמיסיע:

י. מ. לעווין — פּאָרזיצער
י. שער — רעדנער און
אָרגאַניזאַטאָר פון אוידיציע
פּ. רינגעלבלום — רעדנער און
אָרגאַניזאַטאָר פון אוידיציע
י. קאַהאַן
ה. בורשטין
מ. אייזענבוד
ק. געטלער
ה. נוסבוים
פּ. קרישטאַל

ווירטשאַפט-קאָמיסיע:

ה. ראָזענבוים — פּאָרזיצער
ר. לעוויטאַ
מ. ראַבינאָוויטש
ר. בוטלינסקי
מ. טאָפּיאָל
וו. יאַבלאָנסקי

## ייִדישער קולטור־צענטער
## און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
## אין מעלבורן

---

### אַמטן אין יאָר 1978

מר. ב. ווינער — פרעזידענט.

מר. ש. גאָלדשטיין — געוועזענער פרעזידענט.

מר. י. אָרבאַך — וויצע־פרעזידענט.

מר. י. מ. לעווין — וויצע־פרעזידענט.

מר. פּ. רינגעלבלום — ערן־סעקרעטאַר

מר. פּ. קרישטאַל — ערן־קאַסירער.

מרס. ה. ראָזענבוים — געהילף פון ערן־קאַסירער.

מר. י. שער, דזשיי־פּי — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

מר. מ. אייזענבוד — פאָרזיצער פון רעדאַקציע־קאָלעגיע.

מר. וו. יאַבלאָנסקי — פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע.

מר. ה. בראַון — פאָרזיצער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע.

| | |
|---|---|
| מרס. אַ. באַסראַך | מר. ק. געטלער |
| מרס. ר. בוטלינסקי | מר. ש. וואָלסקי |
| מר. ס. בורשטין | מר. מ. טאָפּיאָל |
| מר. צ. באָרענשטיין | מרס. ר. לעוויטאַ |
| מרס. ל. גאָטליב | מר. מ. ראַבינאָוויטש |

ערן־אַדוואָקאַט — ש. וואָלסקי, לל.ב.

סעקרעטאַר — מרס. י. וואַרשאַווסקי.

ביבליאָטעקאַר — מר. י. קעסלער

פאַרוואַלטער — מר. ש. טיגעל.

# מעלדונגען

דער „הזמיר"־כאָר האָט זיינע פּראָבעס יעדן דינסטיק 8 אָוונט
אין קאָמונאַל־זאַל, טורעק סינאַגאָגע.
נייע מיטגלידער ווערן גערן אויפגענומען.

לייענט און אַבאָנירט די
„מעלבורנער בלעטער"
אַבאָנאַמענט־פּרייז — 6 דאָלאַר אַ יאָר

יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס אויף 3 אי־עי (כוואַליע 1122):

זונטיק, 10.30 ביז 11 פרי — יאַשאַ שער — מוזיק, וואונטש־קאָנצערטן און הומאָר.

מאָנטיק, 5.30 ביז 6 אָוונט — יוגנט־פּראָגראַם, יידישע לידער און יידיש לעקציע.

מיטוואָך, 11.00 ביז 11.30 פרי — אוידיציעס פאַר שולן און קינדערגערטנער.

פרייטיק, 4.30 ביז 5.00 נאָכמיטאָג — פּיניע רינגעלבלום — פּאָליטישע און קולטור־נייעס, אינטערוויוען און מוזיק.

## תקון טעות

אין דעם קאַסע־באַריכט אין יידישן (זייט 18, יידיש) דאַרף די שורה:
לופט־קילונג אין טעאַטער זיין — $7545

# יידישער קולטור - צענטער
# און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק
# „קדימה"

געגרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק
7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק

## 67־טער טעטיקייט־באַריכט

פאַרן יאָר 1978

און

## קאַסע־באַריכט

פאַר דער צייט

פון 1-טן יאַנואַר 1978 ביזן 31-טן דעצעמבער 1978

---

מעלבורן, אויסטראַליע
אַפּריל 1979